# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת ואתחנן תשפ"ד שנה י | גליון מס' 546



בני אמונים מתחזקים בעניית אמן

לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919

9139191@gmail.com


## יסודות אמונים

### יסודות פון תפילה און אמן אין די וואכעדיגע פרשה

### "אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם מִבֵּית עֲבָדִים" (ה ג)

פון אט דער פסוק לערנט מען ארויס אויף איבעראל אז א איד איז מחוייב צו גלייבן אז עס איז דא א בורא עולם און אז ער פירט די וועלט (רמב"ם ספר המצוות מ"ע א; ספר החינוך כה). אנדערש ווי אלע מצות וועלכע זענען תלוי אין א צייט אדער אן ארט איז די מצוה פון אמונה. אין די מצוה איז מען מחייב שטענדיג. ווען א איד טראכט פון די מצוה איז ער גלייך מקיים די מצוה. דער 'אור זרוע' (א קמ) שרייבט אז וועגן דעם האבן חז"ל נישט מייסד געווען א ברכה פאר די מצוה, ווייל א ברכה האט מען נאר מתקן געווען אויף א מצוה וואס מען איז מקיים אין א געוויסער צייט, אבער א מצוה וואס איז דא אייביג, איז מען נישט מחוייב מיט א ברכה.

טראץ וואס מען האט נישט געמאכט קיין ברכה אויף אמונה איז אבער דער אמן וואס מען זאגט נאך יעדע ברכה נאר געמאכט געווארן וועגן אמונה, ווי דער רבינו בחיי זאגט אין פרשת שמות [יד. א] און מיר ציטירן דא זיינע הייליגע ווערטער:"ומפני שהאמונה יסוד כל התורה כולה, תקנו לנו רבותינו זיכרונם לברכה בתפלה ובברכות לענות אמן, שהוא נגזר מלשון 'אמונה' ומלשון 'הודאה', שמקבל עליו דברי המברך ומודה בהם".

ענליכע ווערטער צו דעם ווערט געברענגט אין ספר 'מגלה עמוקות' (פר' האזינו): "עיקר האמונה תלויה בעניית אמן".

ווען מען איז זיך מתבונן אין די מצוה זעט מען אז דאס איז עס טאקע, דער אמן איז ווי א דעקלעראציע אז מען גלייבט אין בורא עולם. די גמרא אין שבת [קיט. ב.] פרעגט וואס איז דאס אמן? און די גמרא ענטפערט איז די ראשי תיבות פון "א-ל מלך נאמן".

רש"י אויפ'ן ארט געט צו פארשטיין (שם ד"ה א-ל) אז ווער עס ענטפערט אמן איז עס ווי ער איז מעיד אויפ'ן בורא כל העולמים אז ער איז דער 'א-ל מלך נאמן'.

דער תוספות (שם ד"ה א"ר חנינא) פירט אויס אז ווען מען זאגט אמן זאל מען אינזינען האבן אז הקב"ה איז א "א-ל מלך נאמן".

אויך ווען דער 'שולחן ערוך' איז מבאר די ווארט 'אמן' איז ער מדגיש אין זיך אז דאס איז ווי מען דערקלערט די אמונה.

פאלגענד זענען זיינע ווערטער אין שלחן ערוך (או"ח קכד ו): "ויענו אמן אחר כל ברכה, בין אותם שיצאו ידי תפלה, בין אותם שלא יצאו, ובכוונה שיכוין בלבו: אמת היא הברכה שבירך המברך **ואני מאמין בזה**".

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### "ושננתם לבניך" על ידי "ודברת בם"!

אין די וואכעדיגע פרשה לערנען מיר די ציווי פון "ושננתם לבניך".

מיר זאגן איבער די ציווי יעדן טאג און עס ליגט ביי אונז אויפ'ן מויל, אבער עס האט אין זיך א טיפער באדייט. אין די ציווי לערנען מיר אז מיר דארפן חזר'ן מיט אונזערע קינדער און מיט די קינדס קינדער די תורה און די מצות. דער טעם פון די ציווי איז איבריג מפרש צו זיין. מיר ווייסן אז די תורה וואס מיר האבן איז געבויט אז מען געט עס איבער מדור לדור, פון טאטן צו קינד און אזוי ווייטער.

ווי חשוב און ווי וויכטיג עס איז דער איבערגעבן די מצות פאר די ווייטערדיגע דורות קען מען זען פון די צענטראלישקייט וואו חז"ל האבן אריינגעשטעלט דעם ציווי. טאג טעגליך ווען מיר זאגן ברכת התורה זאגן מיר : "**ונהיה אנחנו וצאצאינו [וצאצאי צאצאינו]** כולנו יודעי שמך ולומדי תורתיך לשמה".

די חובה פון לימוד התורה איז לויט די יארגאנג פון דאס קינד. חז"ל זאגן אונז אין סוכה [דף מב. א] אז גלייך ווען א קינד הייבט אן צו רעדן לערנט אים זיין טאטע אויס די פסוק פון (דברים לג ד): "תורה צוה לנו משה...", און דער פסוק (שם ו ד): "שמע ישראל...".

אבער פונדעסטוועגן איז דא איין זאך וואס מען לערנט אויס מיט'ן קינד נאך פריער און דאס איז דער 'אמן'.

די גמרא אין סנהדרין [קי ע"ב] זאגט אז פון ווען א קינד איז זוכה און ער ענטפערט אמן איז ער זוכה צו חיי עולם הבא. דער רמ"א אין אורח חיים [קכד ז] ברענגט אראפ די ווערטער פון די גמרא און פסק'נט דארט להלכה: "וילמד את בניו הקטנים שיענו אמן, כי מיד שהתינוק עונה אמן, יש לו חלק לעולם הבא".

די געוויכט וואס א פערזענליכע ביישפיל שפילט ביי א מענטש איז ברייט באקאנט. עס איז איבעראל אזוי אבער נאך מער איז עס ביים ענטפערן אמן. אז מיר ווילן אז די קינדער זאלן שעצן אן אמן מוז'ן מיר זיין פאר זיי א גוטער ביישפיל, אז מיר ווען האלטן דעם אמן טייער - וועלן עס די קינדער אויך האלטן טייער.

ווען א קינד קומט אין שול און ער זעט חלילה ווי זיין טאטע אדער זיין רבי איז מזלזל אין דעם אמן לערנט ער זיך אפ פון זיי. עס גייט אריין ביי אים די געפיל אז דער אמן האט נישט קיין חשיבות, ער וואקסט מיט דער געדאנק אז דער אמן איז נישט א טייערער זאך.

א שארפער לשון טרעפט מען ביי דער צדיק רבי יצחק מקורביל אין 'ספר מצוות קטן' (מצווה יב) און דאס זענען זיינע הייליגע ווערטער: "אמרו חכמים (ברכות נג ב): גדול העונה אמן יותר מן המברך ופותחים לו שערי גן עדן, שנאמר (ישעיה כו ב): פִּתְחוּ שְׁעָרִים וְיָבֹא גוֹי צַדִּיק שֹׁמֵר אֱמֻנִים, אל תקרי 'אמונים' אלא 'אמנים' (שבת קיט ב). ומאותה שעה זוכים התינוקות לחיי העולם הבא (סנהדרין קי א). **ואם כן אוי להם למדברים דברים בטלים או עושים שחוק וקלות ראש בבית הכנסת בשעת תפילה, ומונעים בניהם מחיי עולם הבא**".

עס מאכט זיך אסאך מאל אז מענטשן קאמפלמענטירן די 'בני אמונים' זאגנדיג אז זייערע קינדער זענען נזהר אין ענטפערן אמן און כ'וואונדער זיך ווילאנג די שיינע הנהגה וועט אנהאלטן, אויב מען וועט נישט אריינבאקן אין זיין די חשיבות פון די זאך.

די גדולי הדור זאגן שוין אז דער ציווי פון 'ושננתם לבניך' איז ממשיך און זאגט אז דאס איז נאר ווען עס איז דא דער 'ודברתם בם' אז די עלטערן זענען עס מעריך.

לאמיר זיך אויסלערנען מקפיד צו זיין אויף דעם טאג טעגליך און מיר וועלן זוכה זיין אז עס זאל מקויים ווערן די בקשה פון "**ונהיה אנחנו וצאצאינו וצאצאי צאצאינו** כולנו יודע שמך ולומדי תורתך לשמה".

**מיט א קריאה פון "ושננתם לבניך ודברת בם"!**

**שבת שלום,**

יעקב דוד מארמארשטיין

א וועכענטליכע מעשה איבער אמן און תפילה

# — די תמימות'דיגע אמונה וועלכע האט באגייסטערט דער הייליגער אבני נזר —

א הייליגע התרגשות האט יענער טאג געהערשט אין דארף. היינט וועלן די איינוואוינער פון דארף זוכה זיין אז דער גדול הדור, דער הייליגער אבני נזר פון

אנקומענדיג קיין סאכטשאוו איז ער אריבער צום שטוב פון רבי'ן האט ער דערציילט פאר'ן רבי'ן איבער די גרויסע ישועה און געבעטן אז דער רבי' זאל באוויליגן צודינען ביי אים אלץ סנדק.

צו זיין וואונדער און צו די וואונדער פון אלע ארומיגע, האט דער צדיק אנגענומען די ביטע, ער האט געזאגט אז ער וועט קומען צופארן צו די ברית פון ר' פישל און דינען דערביי אלץ סנדק ביי די ברית.

סאכטשאוו ז"ע וועט אנקומען צו זיי אין שטאט און דינען אלץ סנדק ביי די ברית מילה פון ר' פישל דער שניידער.

אסאך יארן האט פישל דער שניידער געווארט אויף קינדער. אסאך כוחות און תפילות האט ער און זיין בני בית אריינגעלייגט זוכה זיין צו א ישועה, זיי האבן אויספראבירט עטליכע ערליי סגולה'ס, זיי זענען ארומגעפארן בעטן ברכות ביי די צדיקי הדור און בעיקר האבן זיי אסאך מתפלל געווען בדמעות שליש אז זיי זאלן געהאלפן ווערן ביז ווען די ישועה איז געקומען צוגיין.

היינט, נאך פופצן צאפעלדיגע יארן, האבן זיי זוכה געווען אז די גליקליכע רגע איז אנגעקומען, אין זייערע הענט האבן זיי געהאלטן א זיס און א לעבעדיג קינד, א געזונטער בחור.

פול מיט שירות ותשבחות זענען זיי געווען, פון טיפן הארצן האבן זיי געדאנקט השי"ת פאר די גרויסע חסד און אין די זעלבע צייט האבן זיי זיך געגרייט אויף די ברית סעודה.

"פאר אזא קינד דארף מען א ספעציעלער סנדק". האט פישל דער שניידער געזאגט פאר זיין בני בית און נאכ'ן אסאך אריינטראכטן ווער וועט זיין דער בעסטער סנדק האבן זיי באשלאסן צווישן זיך אז זיי וועלן מכבד זיין דער סאכטשאווער רב, דער בעל אבני נזר מיט סנדקאות.

אין א דערפל נעבן די שטאט סאכטשאוו האט ר' פישל געוואוינט. די מרחק צווישן זיין דארף ביז צו קיין סאכטשאוו איז געווען געציילטע שעה'ן און א טאג פריער, גלייך נאך דעם וואס ער האט געענדיגט דאווענען שחרית אין שול, האט ער זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג קיין סאכטשאוו מכבד צו זיין דעם רבי'ן מיט סנדקאות.



די שטאט סאכטשאוו אין פוילן - אין צענטער פון בילד זעט מען דער 'באזרא' טייך וועלכע האקט איבער די שטאט

דער אבני נזר איז שוין בימים ההם געווען אין די עלטערע יארן. זייער זעלטן איז דער רבי ארויסגעפארן פון שטאט. אלע ארומיגע פון ר' פישל האבן הערנדיג איבער זיינע פלענער אים אפגערעדט, זאגנדיג אז אזא זאך וועט נישט געשען, אבער נישט אזא איינער ווי ר' פישל האט זיך געלאזט הערן.

אנקומענדיג קיין סאכטשאוו איז ער אריבער צום שטוב פון רבי'ן האט ער דערציילט פאר'ן רבי'ן איבער די גרויסע ישועה און געבעטן אז דער רבי' זאל באוויליגן צודינען ביי אים אלץ סנדק.

צו זיין וואונדער און צו די וואונדער פון אלע ארומיגע, האט דער צדיק אנגענומען די ביטע, ער האט געזאגט אז ער וועט קומען צופארן צו די ברית פון ר' פישל און דינען דערביי אלץ סנדק ביי די ברית.

ווי נאר די שמועה אז דער רבי' קומט צופארן איז ארויס אין גאס האט עס געמאכט א טומעל. קינד און קייט האבן גערודערט פון דעם, יעדער האט זיך געוואונדערט וועלכע זכות האט ר' פישל אז דער רבי' וועט קומען צו אים.

מאנכע האבן שפעקולירט אז ר' פישל איז א צדיק נסתר, אנדערע האבן גערעדט אז עס איז דא א מופת.

אפגעזען אין די סיבה איז דער רבי' געקומען צוגיין צומארגענס און די דערפל איז געווען אויף רעדער. נישט אויף לאנג האט זיך דער רבי' אויפגעהאלטן דארט, גלייך נאך די ברית האט מען איינגעשפאנט די פערד און וועגן און זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג אהיים, צוריק קיין סאכטשאוו.

הארט איידער דער צדיק האט פארלאזט דאס ארט האבן די נאנטע געבעטן אז דער רבי' זאל זיי געבן צו פארשטיין וואס קען זיין די סיבה אז דער רבי' זאל דא מאכן אן אויסנאם און יא אנטיילנעמען ביים ברית, נאך דעם וואס דער צדיק האט שוין א לענגערע צייט נישט פארלאזט די שטוב.

"זיין אמונה פשוטה האט מיר געכאפט". האט דער צדיק זיך אנגערופן.

דערביי האט ער פארציילט אז נאך לאנגע יארן וואס ער דינט אלץ רבי' האט ער שוין מערערע מאל מיטגעהאלטן ווי חסידים ווערן געהאלפן מיט ישועות.

אלעמאל ווען זיי זענען ארויס מיט א ישועה און דערציילט איבער די ישועה פאר'ן רבי'ן האבן זיי באטאנט אז עס איז די מופת פון דעם אדער פון דעם, אבער דער ר' פישל האט עס נישט תולה געווען אין קיין איינעם, מיט א גלאטקייט האט ער געזאגט אז הקב"ה האט אים געהאלפן און יעצט וויל ער מכבד זיין דעם רבי'ן מיט סנדקאות.

"לכבודו פון דעם מקדש שם שמים האב איך באשלאסן צו ענדערן מיין מנהג און זיך באטייליגן ביי די ברית". האט דער אבני נזר אויסגעפירט.

'יגדיל תורה' פרשת ויצא

## נאר ביי כלל ישראל איז דא דער כח פון א ציבור

**"כִּי מִי גוֹי גָּדוֹל אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרֹבִים אֵלָיו כַּה' אֱלֹקֵינוּ בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו"** (ד ז)

די גמרא אין מסכת ר"ה (יח א) זאגט אז די פסוק גייט ארויף אויף תפילת רבים, אז אויך נאך דעם וואס עס איז נחתם געווארן גזר דינם איז דער רבוש"ע קרוב צו זיי און הערט אויס זייער תפילה, אויב עס איז א תפיקה ברבים. דאגעגן ווען עס רעדט זיך פון א יחיד איז דא דער פסוק אין ישעיה (נה ו): "דרשו ה' בהמצאו קראוהו בהיותו קרוב" אז א יחיד האט די כח צו צורייסן דער גזר דין נאר בעשרת ימי תשובה ווען הקב"ה איז קרוב צו אים.

**הגרי"ז סאלאוואטשיק פון בריסק** געט צו פארשטיין מיט דעם יסוד פארוואס כלל ישראל איז אנדערש פון אלע פעלקער אז זייערע תפילות ווערן נתקבל מער ווי די תפילות פון די אומות העולם.

מען טרעפט אז אויך ביי די גוים העלפט תפילה. מען זעט אז הקב"ה האט מקבל געווען די תפילה פון די אנשי נינוה (יונה ג י). אויך אין ישעיה זעט מען אז הקב"ה איז מקבל די תפילה פון די אומות העולם ווי דער פסוק זאגט דארט (נו ז): "כִּי בֵיתִי בֵּית תְּפִלָּה יִקָּרֵא לְכָל הָעַמִּים" אבער פונדעסטוועגן קומט עס נישט אן צו די מעלה פון תפילה בציבור וועלכע איז דא נאר ביי אידן, ווייל נאר ביי אידן איז דא דער באגריף פון ציבור, ביי א גוי איז עס נישט דא.

מיט דעם דערהער ווערט מבואר אין דער ספר 'רמון פרץ' וואס מען זאגט ביים דאווענען "ועונה לעמו ישראל בעת שוועם אליו", אז הקדוש ברוך איז עונה לעמו ישראל - ווייל ביי זיי איז דא דער "בעת שוועם אליו - די תפילת רבים.

'חידושי מרן רי"ז הלוי על התורה'; 'רמון פרץ' עמ' כג

## מיט כוונה ווערט אויך די תפילה פון א יחיד נתקבל

**"וּבִקַּשְׁתֶּם מִשָּׁם אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ וּמָצָאתָ כִּי תִדְרְשֶׁנּוּ בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשֶׁךָ"** (ד כט)

אז מען איז מדייק אין פסוק זעט מען אז דער פסוק הייבט זיך אן מיט "וּבִקַּשְׁתֶּם" וואס איז א לשון רבים אבער עס ענדיגט זיך מיט די ווארט "וּמָצָאתָ"? וועלכע איז א לשון יחיד.

געט דער צדיק **רבי שלמה קלוגער** צו פארשטיין: די גמרא זאגט (ר"ה יח א) אז די תפילה פון א ציבור ווערט אייביג נתקבל, נישט נאר אין אן עת רצון. אז מען איז מדייק אין די ווערטער פון די חכמים זעט מען אז דאס איז נישט דווקא ווען דער ציבור איז מתפלל אויף איין זאך, אויך ווען א יחיד איז מתפלל אויף זיין פריוואטע בקשה, אבער ער איז מתפלל בציבור ווערט זיין תפילה נתקבל.

אז מען זאל וויסן פון דעם חידוש איז דער פסוק דא מרמז די זאך און טוישט די לשונות. ערשט זאגט ער א לשון רבים: "ובקשתם" - א רמז אויף תפילת רבים אבער נאך דעם גייט ער אריבער צו א לשון יחיד און ער זאגט "ומצאת" - מרמז צו זיין אז אויך אויב די תפילה איז א תפילות יחיד, אבער ווייל ער דאווענט עס ברבים ווערט עס נתקבל.

אויף אן אנדערע וועג זאגט דער רב פון די שטאט אוטיאן **רבי דובער יפה**, א תלמיד פון רבי חיים וואלאזשינער:

אין די גמרא פון מסכת ראש השנה (יח א) פרעגט רבי מאיר ווי אזוי קען זיין אז צוויי מענטשן זענען קראנק געווארן מיט די זעלבע קרענק און איינער איז געשטארבן פון די קרענק, די צווייטע איז געווארן אויסגעהיילט און איז צוריק געזונט געווארן פון די קרענק? ענטפערט ער אז די סיבה איז ווייל איינער האט מתפלל געווען בכוונה און דער צווייטער האט געדאווענט אן כוונה.

די בחינה איז מרומז דא אין פסוק. עס הייסט זיך מיט א לשון רבים "וּבִקַּשְׁתֶּם" - א רמז אז צוויי אידן האבן געדאווענט אבער עס ענדיגט זיך מיט א לשון יחיד "וּמָצָאתָ" - אז נאר איינער איז געווארן אויסגעהיילט און דער פסוק פירט אויס אז דער טעם דערצו איז "כִּי תִדְרְשֶׁנּוּ בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשֶׁךָ" - ווייל דער צווייטער האט מתפלל געווען מיט'ן גאנצן הארץ און אינזינען געהאט ביי די תפילה מיט כוונה.

'אמרי שפר'; 'יסוד אוהל מועד' עמ' כט

## "ברוך שם" בקול רם

**"שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד; וְאָהַבְתָּ אֵת ה'..."** (ו ד-ה)

די גמרא אין פסחים ( נו א) ברענגט אראפ אז ווען יעקב אבינו האט צוזאמענגענומען אלע זיינע קינדער ארום די בעט פון זייער טאטע און אויסגעשריגן די אמונה מיט'ן אויסרופן דער פסוק "שמע ישראל ה' אלוקינו ה' אחד" האט יעקב אבינו געלויבט השי"ת און געזאגט: "ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד".

וועגן דעם האבן חז"ל מתקן געווען אז דער פסוק זאל ווערן א חלק פון קריאת שמע אבער מען זאגט עס שטיל, ווייל משה רבינו האט עס נישט געזאגט.

אבער מען דארף פארשטיין אז וואס איז אז משה רבינו האט עס נישט געזאגט, מיר זאגן ביים דאווענען אסאך שבחים און תפילות וואס משה רבינו האט נישט געזאגט?

דער **מהרש"א** געט צו פארשטיין אז די סיבה פארוואס מען זאגט עס שטיל איז נישט דווקא וואס מען זאגט נאר וואו מען זאגט עס און ווייל מען איז מפסיק און מען זאגט איר אינמיטן קריאת שמע, צווישן שמע און ואהבת און עס קומט נישט אריין דארט, האט מען מתקן געווען אז מען זאל עס זאגן בלחש.

אויף דעם געדאנק לייגט צו דער **'נודע ביהודה'** אז לויט דער יסוד קומט אויס אז בעצם איז נישט דא קיין אפהאלט צו זאגן די שבח פון "ברוך שם" פאר זיך אליין און ער איז טאקע מלמד זכות אויף די וואס פירן זיך צו זאגן ביי יום כיפור קטן הויך אויפ'ן קול דער "ברוך שם".

מהרש"א פסחים נו א ד"ה פתח; 'צל"ח' שם

## נעשה ונשמע

"א מענשט דארף זיין געווארענט צו זאגן ביים דאווענען און ביי די תפילות נאכצוזאגן נאך איר אמן. דער ווארט 'אמן' איז מלשון אמונה'. יעדער איד וואס זיינע עלטערן זענען געשטאנען אויפ'ן בארג סיני און האבן מקבל געווען די תורה וואס ווערט אנגערופן 'אמונה' און ער איז פון די קינדער פון אברהם, דער ראש פון די אמונה, ווי עס שטייט ביי אים (בראשית טו ו): 'והאמין בה", איז חייב אינזינען צו האבן זיין הארץ און זיין מחשבה ביי עניית אמן"

('כד הקמח' ערך אמונה).

### טייערער איד!

זיי זיך אויך מצטרף צו די מזכי הרבים וואס שטיין אויף צו זאגן אמן אין שול נאך די מתפללים ווי עס פאסט זיך פאר די וואס וואס זענען געשטאנען אויפ'ן בארג סיני און מקבל געווען די תורה וואס ווערט אנגערופן 'אמונה'.

זיך אנצושליסן פול אויס אן אפעליקאציע אין די 'נדרים פלוס' מאשינען און מיר וועלן זיך פארבינדן מיט דיר.

צווישן די וואס פולן אויס אן אפעליקאציע וועט פארקומען א גורל אויף א רייזע צו מקומות הקדושים מיט די הערליכע מיניוועון פון בני אמונים.



## דער 'ויחי יוסף' י"ג אב תשמ"ד


דער בעל 'ויחי יוסף' מפאפא

דער פאפער רב דער בעל ויחי יוסף הגה"צ רבי רבי יוסף גרינוואלד איז געבוירן געווארן אין יאר תרס"ג אין די שטאט צעהלים, צו זיין גרויסן טאטן רבי יעקב יחזקיהו גרינוואלד דער בעל ה'ויגד יעקב' מפאפא.

אין זיינע יונגע יארן האט ער נאך זוכה געווען צוקענען זיין זיידע דער בעל 'ערוגת הבושם'. אין די בחורישע יארן איז ער געפארן צו די שטאט סאטמאר צולערנען ביי זיין פעטער דער בעל ה'קרן לדוד', נאך זיין חתונה איז ער נתמנה געווארן צודינען אלץ דיין אין די שטאט סאטמאר.

נאך די הסתלקות פון זיין טאטע אין יאר תש"א האט מען אים מכתיר געווען אלץ ממלא מקומו פון זיין גרויסן פאטער. ער האט ממלא מקום געווען סיי מיט די רבנות פון שטאט און אויך מיט די ישיבה, אין זיינע יארן איז די ישיבה געווארן זייער גרויס און האט געגרייכט איר קלימאקס, דערגרייכנדיג צו פיר הונדערט תלמידים.

אין יאר תש"ד זענען די דייטשן ימש"ו אריינגעקומען אין די שטאט, מען האט אים גענומען צו די ארבעטס לאגערן. בימים ההם האט ער שוין געהאט א שטוב מיט צען קינדער. ביי די קריג איז סיי זיין פרוי און סיי די קינדער אומגעברענגט געווארן על קידוש השם. נאך די קריג האט ער נאכאמאל חתונה געהאט און אויפגעשטעלט א שטוב און אויך געעפענט א ישיבה און א קהילה. אין יאר תשי"א איז ער אנגעקומען קיין אמעריקע און דא האט ער איבערגעגרינדעדט די פאפא'ער חסידות מיט אירע מוסדות התורה.

פאר גאנצע דריי און דרייסיג יאר האט זיין ליכט געשיינט אין אמעריקע. ער האט געפירט זיין קהילה ביד רמה און טויזנטער אידן האבן זיך געקלאמערט לפתחו.

ער האט איבערגעלאזט א רייכע ירושה פון ספרי קודש, צווישן זיי די ספרים פון 'ויחי יוסף' על התורה און אויף די ימים טובים, דער שו"ת 'ויען יוסף' פון זעקס בענדער א.נ.

ער איז נסתלק געווארן לבית עולמו ליל שב"ק פרשת ואתחנן י"ג אב תשמ"ד.

## ווער איז א שוטה? דער וואס איז מאבד וואס מען גיט אים

דער פאפער רב, דער בעל ויחי יוסף שרייבט ווי פאלגענד:

"עס וואונדערט מיר, ווי אזוי קענען מענטשן מזלזל זיין אין עניית אמן? ווען מען זעט ווי אזוי חז"ל רעדן ארום איבער איר חשיבות און איר גרויסקייט.

אויף דער וואס איז מאבד אן אמן זאגט זיך דער מאמר חז"ל (חגיגה ד א): "איזהו שוטה? זה המאבד כל מה שנותנים לו"!

עס קען זיין אז די וואס זענען מזלזל אין איר ווערן נאכגעשלעפט נאך דער המון עם וואס איז מזלזל אין די מצוה בפרט נאך דעם וואס זיי זעען אז אנדערע חשובע אידן זענען מזלזל אין דעם. אויף זיי קען מען זאגן די גמרא (יומא פד ב): "בפיקוח נפש אין הולכים אחר הרוב" אז ווען עס רעדט זיך פון פיקוח נפש גייט מען נישט נאך רוב, אז אפילו דער רוב גייט איין וועג, זאל מען נישט נאכגיין נאך זיי ווען עס רעדט זיך פון פיקוח נפש. אויך דא ביי די אמנ'ס איז די זעלבע זאך. דער זילזול אין אמן גרעניצט זיך מיט פיקוח נפש, עס איז א סכנה, ביי אזא זאך זאל מען נישט גיין נאך רוב, נאר דער מענטש זאל זיך האלטן שטארק און יא מקפיד זיין צו ענטפערן אמן כהלכה, אויך אויב אנדערע ענטפערן נישט כהלכה ('ויחי יוסף' מועדים א, שבת שובה עמ' קצח).

## ברענגען די קינדער אין שול – נאר אויב זיי זענען מוסיף שכר

אויפ'ן פסוק (דברים לא יב): "הַקְהֵל אֶת הָעָם הָאֲנָשִׁים וְהַנָּשִׁים וְהַטַּף" פרעגט די גמרא אין מסכת חגיגה (דף ג א): **אז מילא ווען די גרויסע קומען באקומען זיי שכר ווייל זיי קומען הערן דברי תורה אבער פארוואס ברענגט מען די קינדער? ענטפערט די גמרא אז די קינדער קומען "ליתן שכר למביאיהם" - צוגעבן שכר פאר די וואס ברענגען זיי".**

**אויפ'ן ארט זאגט תוספות** (שם ד"ה כדי) **אז אויף דעם האט מען זיך סומך געווען צו ברענגען קינדער אין שול.**

**שרייבט אויף דעם רבי מנחם די לונזאנו:**

**א מענטש זאל נישט ברענגען קיין קינדער אין שול, נאר אויב זיי קענען זיין נזהר אין קדושת בית הכנסת און זיי שטערן נישט דאס דאווענען, אבער קינדער וואס קענען זיך נישט אכטונג געבן אין דעם און שטערן פאר די מתפללים זאל מען נישט ברענגען אין שול.**

ער פירט אויס אז אויף זיי לייגט זיך אנשטאט: "ליתן שכר למביאיהם" - "ליתן עונש למביאיהם" חס ושלום.

עס איז דומה צו איינער וואס האט באשטימט א צייט זיך צו טרעפן מיט'ן קעניג און ער ברענגט מיט אין פאלאץ זיין נארישע קנעכט און דער נארישער קנעכט מיט זיינע נארישע מעשים פארשעמט זיין האר. עס איז זיכער אז מען וועט נישט שטראפן דער קנעכט, ווייל דער קנעכט האט דאך נישט קיין שכל, נאר מען וועט שטראפן דעם האר וואס האט אים געברענגט. די זעלבע איז אויך מיט ווער עס ברענגט די קליינע קינדער אין שול. עס איז זיכער אז דאס קינד וועט נישט באקומען קיין שטראף פאר'ן שטערן, ווייל ער ווייסט דאך נישט אז ער שטערט, די עונש וועט באקומען דער טאטע, וואס האט אים געברענגט. ('שתי ידות' [ווענעציע שע"ח] דף קיז)

דער בעל 'ויחי יוסף' ברענגט אראפ זיינע ווערטער און פירט אויס אז די בחינה איז מרומז אין די גמרא:

די גמרא וואונדערט זיך: "טף למה הן באין" - פארוואס ברענגט מען קינדער און די גמרא ענטפערט אויף דעם: "כדי ליתן שכר למביאיהם" - אז די ברענגער זאלן באקומען שכר אז זיי ברענגען די קינדער אבער דאס איז נאר ווען זיי ברענגען שכר פאר די ברענגער, אז די קינדער ענטפערן אמן אדער זיי דאווענען אבער אויב עס איז חלילה פארקערט אז די קינדער קומען און שטערן די מתפללים - זאלן זיי ליבערשט בלייבן אין שטוב. ('ויחי יוסף' שם עמ' קפב).

## מען מאכט נאר קאליע

ווילענדיג ארויסגעבן די נארישקייט פון איינער וואס קומט אין שול און ענטפערט נישט קיין אמן ווי אזוי עס דארף צו זיין האט דער בעל 'ויחי יוסף' געזאגט אויף דעם א מורא'דיגע משל וואס ווערט געברענגט אין ספר 'תולדות יעקב יוסף' (פרשת ויחי):

איין טאג האט דער שכן פון די שכינות'דיגע קרעשטמע אנגעקלאפט אויפ'ן טיר פון דער בעל הקרעשטמע און געבעטן אז ער וויל מפקיד זיין ביי אים א פקדון פון הונדערט גאלדענע רענדלעך. דער בעל הקרעשטמע האט גענומען די געלט און עס אוועקגעלייגט. עס איז אריבער א שטיק צייט און דער שכן קלאפט נאך אמאל, דאסמאל האט ער געוואלט אריינלייגן ביי אים נאך צען גאלדענע רענדלעך. דער בעל ה'קרעטשמע וויסנדיג אז זיין שכן איז א שוטה האט דערהאלטנדיג די צען רענדלעך זיך אנגערופן אז יעצט איז ער נאר שולדיג פאר זיין שכן ניינציג רענדלעך. דער שכן האט נישט געכאפט וואס דא גייט פאר און מסכים געווען צו דעם. שפעטער האט ער אריינגעלייגט ביי אים נאך און נאך געלט און יעדע מאל האט ער געזאגט אז די סומע נעמט אראפ פון די פריערדיגע סומע, ביז עס איז גארנישט געבליבן פאר'ן שכן.

גענוי דאס איז דער גורל פון א איד וואס קומט אין שול אריין און אנשטאט צו הערן די אמנ'ס און ענטפערן נאך זיי פארטוט ער זיך מיט נארישקייט און אינדערצווישן פארלירט ער איין אמן נאך די אנדערע. אזא איד, נישט גענוג אז ער דערלייגט די זכות פון יעדע אמן, נאר ער דערלייגט אויך די שכר פון קומען אין שול, ער גייט אהיים פון שול א דערלייגער. (שם עמ' ריא).